


Place Your Ad Here

And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities

Email us at info@bashert4me.com

# היסטארישע ד
# צום שידוכים ז

**יעדע** שטיק צייט איז מען עדות צו נאך א קריזיס וועלכע נעמט איין די וועלט, פארנעמט דעם אויבנאן אין די צייטונגען, פארנעמט א פראמינענט ארט אויף די נייעס-ליניעס, און אוודאי איז עס די געשפרעך פון טאג; עס איז דאך א קריזיס.

וואס דארפן מיר ווידמען אפילו איין שורה מער מסביר צו זיין וואס עס איז דער באדייט פון א קריזיס, ווען אין די טעג ווערט אפגעצייכנט א יאר זינט דער קאראנא-ווירוס קריזיס האט באטראפן די וועלט, און ליידער איז מען נאך אלץ נישט גענצליך ארויס דערפון, דער אויבערשטער זאל העלפן ווי פריער.

אבער אין דער זעלבער צייט וואס אין

> עס קען דורכגיין טעג און וואכן, חדשים און יאָרן, אבער די וועלכע זענען ליידער געפאלן קרבנות צום קריזיס, ווערן נישט אנגעקוקט, טראץ דעם ווייטאג און צער וואס דאס ברענגט מיט.

געוועגליכע פעלער איז א קריזיס א זאך וואס קומט און גייט, עס האלט נישט אָן פאר צו לאנג; אמאל א יאר, אמאל צוויי, אמאל לענגער, אבער עס ווערט אפגעשטעלט, ווייל א קריזיס איז עפעס וואס פאדערט א לעזונג און מען קען עס נישט לאזן לויפן אין דער וועלט אריין, עס דארף זאפארט באהאנדלט ווערן און געברענגט ווערן אונטער קאנטראל אין דער ערשטער געלעגנהייט וואס עס איז נאר דא. איז אבער ליידער צווישן היימישן עולם יא דא איין קריזיס וואס גייט שוין אָן פאר לאנגע יארן, אבער עס זעט נישט קיין לעזונג. מען האט שוין פרובירט אויף אלע סארט וועגן, אלע סארט עצות, אלע סארט געדאנקען, אבער ליידער שטייט מען ערגעץ נאנט צו נול; עס איז דערווייל נאכנישט דא די ריכטיגע לעזונג פאר דעם קריזיס.

דער קריזיס פון וואס מיר רעדן איז דער

Place Your Ad Here
And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities
Email us at info@bashert4me.com

# דורכברוך קריזיס

**א בליק אריין אין דעם היסטארישן דורכברוך וואס "באשערט-4-מיי" ברענגט צום טיש, וואס האט בס"ד די מעגליכקייט צו ברענגען א שטארקע לייזונג צום לאנג-יעריגן "שידוכים קריזיס"**

"שידוכים קריזיס". עס קען דורכגיין טעג און וואכן, חדשים און יארן, אבער די וועלכע זענען ליידער געפאלן קרבנות צום קריזיס, ווערן נישט אנגעקוקט, טראץ דעם ווייטאג און צער וואס דאס ברענגט מיט.

יארן גייען, יארן קומען. יעדער ווייסט איבער דעם אקטיוון קריזיס. אבער מיט אלע סארט תירוצים, האט מען למעשה נישט געטון גענוג שטארק וואס זאל אפעקטיוו ברענגען איינמאל-פאר-אלעמאל א לעזונג צו דעם קריזיס בס"ד, טראץ וואס יעדער האפט און קוקט ארויס אז דאס זאל זיך שוין ענדיגן.

אבער אט איז געקומען די צייט! אן ענערגישער יונגערמאן, הרה"ח ר' יואל לאנדא הי"ו, איז נישט געווען גרייט צו

> **מיט אלע סארט תירוצים, האט מען למעשה נישט גענוג און דאס וואס זאל אפעקטיוו ברענגען א לעזונג צו דעם קריזיס בס"ד, טראץ וואס יעדער האפט און קוקט ארויס אז דאס זאל זיך שוין ענדיגן.**

זען ווי אזוי דער קריזיס וואקסט מער און מער; ער האט אינוועסטירט זיינע כשרונות אינאיינעם מיט גרויסע געלטער אהערצושטעלן א גאר פארגעשריטענע סיסטעם, וועלכע וועט – לויט מבינים און לאנג-יעריגע שדכנים – גענצליך טוישן די מאפע פון שידוכים, און בע"ה ברענגען אן ענדע צום קריזיס.

אין די יעצטיגע טעג ווען די פארגעשריטענע "bashert4me" סיסטעם ווערט פארענדיגט, האבן מיר זיך אראפגעזעצט מיט ר' יואל פאר א שמועס, צו הערן פון אים אלעס ארום דער נייער סיסטעם, און ווי אזוי עס וועט בס"ד עווענטועל טוישן דעם גאנצן מהלך פון שידוכים וויאזוי עס איז צוגעגאנגען ביז צום היינטיגן טאג.


## Place Your Ad Here

And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities

Email us at info@bashert4me.com

## שלום עליכם ר' יואל. ווי מיר פארשטייען גרייט איר זיך צו פארשטעלן אין די קומענדיגע טעג א שפאגל–נייע סיסטעם וואס וועט מיט'ן איבערשטנ'ס הילף גענצליך טוישן די וועלט פון שידוכים און שדכנים. וואס קענט איר מיטטיילן פאר די חשוב'ע ליינער דערוועגן?

עליכם שלום.

יא, אזוי ווי איר זאגט, גרייטן מיר זיך אין די קומעדיגע טעג צו פארפולקאמען אונזער סיסטעם מיט דעם נאמען "באשערט פאר מיר", וואס וועט בעיקר באשטיין פון א גאר-פארגעשריטענעם פראגראם bashert4me.com וואס וועט אנטהאלטן אלעס, אבער ממש אלעס, פון א' ביז ת', סיי פאר דעם שדכן און סיי פאר די עלטערן.

די סיסטעם ווערט אין די יעצטיגע טעג פארפולקאמט, און וועט בע"ה זיין גרייט תיכף נאך פסח.

## דאס ווארט "אלעס" איז כולל זייער אסאך. איז לאמיר אנהייבן צוביסלעך, על ראשון ראשון. א טאטע האט א קינד אין די יארן און ער זוכט א שידוך, וואס דארף ער יעצט טון?

דער טאטע גייט ארויף אויף אונזער פראגראם, ער גייט צו דער "רעזעמעי" אפטיילונג, און דארט לייגט ער אריין אלע אינפארמאציע פון זיין זון. דערנאך גייט די אינפארמאציע צו א ספעציעלער אפטיילונג וואו שדכנים, אדער סתם מענטשן מיט אן אינטערעסע אין שידוכים, קענען אלעמאל דארט ארויפקומען און האבן צוטריט צו די אינפארמאציע.

## פארוואס זאל איינער ארייגשיקן א רעזעמעי, פארוואס זאל ער דארפן צוקומען צו דער סיסטעם, ער האט דאך זיינע שדכנים וואס קענען אים. וואס ברענגט די סיסטעם מיט זיך מער ווי ביז איצט?

דער פראגראם ברענגט א געוואלד מיט מעלות אין יעדן הינזיכט. דער פאקט היינט-צוטאגס איז, אז שדכנים זענען זייער באגרעניצט צו עטליכע קליינע קהילות, אדער געגנטער.

דאס זעלבע זענען זיי באגרעניצט ווען עס קומט צו אינפארמאציע. אסאך מאל ווען א שדכן טראגט אָן א שידוך, בפרט יונגע שדכנים וועלכע זענען נישט פאר צו לאנג אין דער 'ליין', ווען זיי געפרעגט ווערן פשוט'ע שאלות אויף וואס זיי וועלן נישט וויסן קיין תירוץ.

אסאך מאל ווען א שדכן טראגט אָן א שידוך, טוט ער עס מיט'ן חשבון אז די צוויי משפחות שטימען – דער לבוש, די חסידות, די סארט מענטשן, אלעס שטימט. אבער ווען מען פרעגט אים א פראגע, א שטייגער ווי אזוי די מדוברת'ס מאמע הייסט, וואס דאס איז א פראגע וואס קען זיין נוגע פאר'ן גאנצן שידוך אויב מען קען בכלל גיין ווייטער, אבער נישט אלעמאל ווייסט עס דער שדכן, און אסאל מאל האט ער אפיל נישט פון וואו צו נעמען די אינפארמאציע.

אויף אונזער סיסטעם וועט ער האבן דעם פולן פראפיל פון דעם בחור אדער מיידל, יעדן נאמען, יוחס, לבוש, ענין, אזוי אז עס וועט אים אנקומען אסאך שנעלער און גרינגער אויסצופירן שידוכים.

אזוי אויך וועט אונזער סיסטעם זיין אויסגעשטעלט אז ווען דער שדכן וועט אנהייבן ארבעטן אויף א שידוך, וועט ער נישט האלטן ביי א', נאר עס וועט אויף א געווויסן וועג שוין האבן א שטיקל הסכמה פון כאטש איינער פון די צדדים צו דעם געדאנק.

עס איז היינט א מציאות אז מענטשן האלטן זיך אפ פון טון אין שידוכים ווייל זיי ווייסן נישט וואו אנצוהייבן, זיי ווייסן בכלל נישט צי יענער וויל קוקן אין דער דירעקציע, און אסאך מאל ווערן זיי זייער שנעל אנטוישט ווען מענטשן ווארפן אפ זייער געדאנק. אונזער סיסטעם וועט בעז"ה פארמיידן דעם קאפ-ווייטאג, און ברענגען אז מער מענטשן זאלן זיך ארייגלאזן אין שדכנות, וואס וועט בס"ד ברענגען געווינטשענע רעזולטאטן.

דאס זעלבע האבן שדכנים היינט אסאך פראבלעמען ווען עס קומט צו געלט-ענינים, וואס אונזער סיסטעם וועט האבן דערפאר א לעזונג, ווי שפעטער ברייט אויסגעשמועסט.

א רעזעמעי וועט אויך קענען אריינגעלייגט ווערן דורך א צווייטן חוץ די עלטערן, פארשטייט זיך נאר מיט יענעמ'ס קלארע וויסן. ווי למשל איינער וויל העלפן א קרוב וכדומה, אדער א שדכן וועלכער וויל העלפן איינעם, וועט ער קענען אליין אויספילן דעם רעזעמעי, און וועט עס קענען נאכפאלגן.

## עס הערט זיך זייער גוט פאר שדכנים, אבער ווי אזוי וועט די סיסטעם גרינגער מאכן פאר עלטערן וועלכע האבן קינדער אין די יארן?

רעדנדיג אסאך צו עלטערן שטעלט זיך ארויס, אז עלטערן וועלכע האבן קינדער אין די יארן ווערן ממש אראפגעדרייט דעם קאפ פון שדכנים. עס זענען דא שדכנים וועלכע ווייסן נישט פונקטליך וואס יענער זוכט, און זיי טראגן אן אין דער וועלט אריין, וואס דאס נעמט אוועק דעם אפעטיט פון עלטערן אויפצוהייבן א טעלעפאן. אונזער סיסטעם וועט דאס גענצליך טוישן; דער טאטע וועט האבן קאנטראל צי ער וויל איבערקוקן און אפראוון זיין אינטערעסע אין א געוויסע פראפיל.

דערנאך איז דא נאך א נקודה. עס מאכט זיך אסאך מאל אז ווען א שדכן טראגט אָן א שידוך, אדער עטליכע שידוכים, פאר א מענטש, וועט דער תירוץ זיין אז מ'וועט זיך נאכפרעגן און אריינקוקן דעריין. דאס אריינקוקן קען זיך אבער זייער שטארק פארשלעפן און זיך ציען פאר א לאנגע צייט, ווייל דער איד טרעפט נישט געהעריג פון וועמען צו פרעגן און צו באקומען די נויטיגע אינפארמאציע. אונזער סיסטעם וועט בע"ה צושטעלן נעמען וועמען מען קען פרעגן אינפארמאציע, סיי משפחה און סיי מגידי שיעור און באקאנטע, וכדומה.

מיר וועלן האבן אן אפציע, אז דער שדכן וועט קענען שיקן דעם גאנצן פראפיל פון דעם בחור/מיידל אויף וואס יענער אינטערעסירט זיך, פאר'ן מענטש פאר וועמען ער האט אנגעטראגן א שידוך, און ער וועט קענען זען אלע אינפארמאציע וואס עס פעלט זיך אויס.

דאס וועט גאר שטארק פארגרינגערן פאר עלטערן וועלכע האלטן פאר'ן טון א שידוך, ווייל דער פראפיל וועט זיין א גוטער מפתח אויף דעם שידוך וואס מען האט אנגעטראגן, און וועט דערציילן די פשוט'ע פרטים ארום דעם שידוך. אזוי וועט ער וויסן ביי וועמען און וויאזוי זיך נאכצופרעגן, האבנדיג די וויכטיגסטע דעטאלן פארנט פון זיך.

אויב די דעטאלן וועלכע ווערן אויסגערעכנט אינעם פראפיל געפעלט פאר דעם מענטש און עס

Place Your Ad Here
And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities
Email us at info@bashert4me.com

מאכט אים קלערן אז מען קען טראכטן פון דעם שידוך און אז דער שדכן קען ווייטער ארבעטן דערויף, דאן קען ער געבן א דריק אויף א קנעפל מיט וועלכן ער וועט באשטעטיגן אז עס איז אים אינטערעסאנט און אז א שדכן קען ווייטער ארבעטן דערויף.

### א שדכן טראגט אָן א שידוך, דער טאטע נעמט עס אָן און דער שדכן הייבט אָן ארבעטן דערויף. נאך א שטיק צייט מאכט זיך סיי וועלכע סיבה און דער טאטע שפירט אז דער שדכן איז נישט פאסיג צו ארבעטן אויף דעם שידוך, וועט ער קענען טוישן שדכן?

כדי אז עס זאל נישט געשען אז א שדכן זאל שווער ארבעטן און אריינלייגן גרויסע כוחות אין א שידוך, און ערגעץ אינדערמיט וועט דער מענטש מחליט זיין אז ער וויל טוישן שדכן און לאזן יענעם אויפן וואסער, וועט סיי וועלכער טויש מוזן זיין מיט דער קלארער צוזאמענארבעט פון ביידע שדכנים און עס וועט מוזן קלאר ווערן אראפגעשריבן דורך ביידע זייטן אלע תנאים און וויפיל פראצענט יעדער שדכן באקומט פון דעם געלט לויט דעם חלק וואס ער האט געהאט אינעם שידוך.

אין פאל עס מאכט זיך אז עס איז נישט דא קיין צוזאמענארבעט צווישן די שדכנים, וועט אזא טויש קענען פאסירן בלויז דורך אונזער טיעם.

איך וויל צולייגן, אז אונטער יעדן שדכנ'ס נאמען וועט זיין א פראפיל אויפן שדכן, מיט אינפארמאציע איבער זיין רעקארד, איבער זיינע יארן אין דעם שדכנות-פעלד און איבער וואס ער האט שוין אויפגעטון. אזוי, אז אויב איינער זוכט אינפארמאציע אויף א שדכן, וועט ער עס אלעמאל קענען טרעפן.

פארשטייט זיך אז מען וועט זיך אויך קענען פארבינדן צום שדכן דורך אונזער סיסטעם, און אים בעטן צו טון אין א געוויסן שידוך.

### וואס טוט מען אז דער שדכן וואס נעמט עס אָן, ארבעט נישט אקטיוו דערויף. בלייבט דער נאמען טאקע פאר'משכונ'ט ביי דעם שדכן און קיינער אנדערש קען נישט ארבעטן דערויף?

אויב א שדכן ארבעט נישט אקטיוו פאר דריי חדשים, וועט אויטאמאטיש אוועקפאלן זיינע רעכטן אויף דעם שידוך, ווייל כמובן קען מען נישט האלטן נעמען פאר'משכונ'ט, און גארנישט טון דערמיט.

### אז עס גייט דורך אפאר וואכן און מ'זעט אז דער שדכן וואס האט גענומען זיין שידוך טוט גארנישט דערצו, דארף ער יעצטווארטן גאנצע דריי חדשים ביז ער זאל עס קענען געבן פאר א צווייטן?

ניין, ער קען זאגן פאר'ן ערשטן שדכן, אדער הייבסטו אן ארבעטן אדער גיבסטו אויף דיינע רעכטן אויף דעם שידוך.

אין פאל דער שדכן ארבעט נישט מיט און קאאפערירט נישט, קען מען אלעמאל זיך פארבינדן מיט אונזער אפיס, און מיר וועלן עס בע"ה מסדר זיין.

### אויב א געוויסער שדכן שיקט כסדר פאָרשלאַגן פאר עמיצן וואס יענער האלט אז עס איז נישט פאסיג פאר אים, און ער זעט איין אז דער שדכן פארשטייט נישט צו זיין קינד, איז דא א וועג זיך אפצושאקלען פון א שדכן?

יא, מען וועט קענען בלאקירן א שדכן אז יענער זאל מער נישט קענען אנטראגן שידוכים.

### וואספארא פרטים וועט ליגן אין דעם פראפיל? דערציילט מען פאר די עלטערן בשעת'ן עס אויספילן אז עס וועט ארויסגעגעבן ווערן פאר'ן אנדערן?

דער פראפיל, אדער ווי מיר האבן עס פריער גערופן, די רעזעמעי', וואס די עלטערן וועלן אויספילן, וועט דער ערשטער חלק זיין פשוט'ע שאלות וואס יעדער וועט מוזן אויספילן כדאי די רעזעמעי' זאל אריינגיין אין דער סיסטעם. פשוט'ע שאלות מיינט דער נאמען, אדרעס, נעמען פון ארומיגע, א. א. וו. דערנאך זענען דא אנדערע פראגעס, וואס וועט געבן פאר'ן שדכן א ברייטערן בליק איבער וואס די רעדע איז דא, און אלעס ארום. אבער דאס איז בלויז פרייוויליג; מ'מוז





Place Your Ad Here

And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities

Email us at info@bashert4me.com

דאס נישט אויספילן.

איבריג צו זאגן אז ווי מער פראגעס און דעטאלן עס וועלן זיין אויסגעפילט, וועט עס גרינגער מאכן פאר'ן שדכן און פאר דער צווייטער זייט.

די שאלות וועלן זיין גוט אויסגעשטעלט, ווען יעדער וועט האבן די אפציע צו אויסוועלן וועלכע דעטאלן נאר דער שדכן זאל קענען זען, און וועלכע דעטאלן זאל קענען געזען ווערן אויך דורך אנדערע מענטשן וועלכע זענען אינטערעסירט צו זען דעם פראפייל צוליב א שידוך.

אזוי אויך וועט מען קענען אנשטעלן אז דער ערשטער נאמען זאל נישט ערשיינען. מיר האבן דאס ספעציעל מסדר געווען אז אויב איינער איז נישט באקוועם אז זיין נאמען זאל ערשיינען אויף דער סיסטעם, זאל מען נאר קענען זען זיין לעצטן נאמען, נישט דעם ערשטן.

אזוי אויך וועט מען קענען אנשטעלן אז די אלע באהאלטענע דעטאלן זאלן אויך קענען באהאלטן ווערן פונעם שדכן, אז אפילו דער שדכן זאל עס נישט קענען זען.

און אויב דער שדכן וועט דארפן זען די אינפארמאציע, צי ווייל ער וויל אנטראגן א שידוך אדער סיי וועלכע אנדערע סיבה, דאן וועט מען שיקן פאר דעם מענטש א נאטיפיקאציע אז א שדכן, אדער סיי ווער, וויל עס יעצט זען, און אז ער זאל געבן ערלויבעניש.

## און אויב א מענטש וויל אפזאגן א שידוך, וועט די סיסטעם אויך האבן אזא אפציע?

אוודאי, עס וועט זיין דערפאר עטליכע אפציעס. מען וועט קענען צוצייכענען אז דער שידוך איז נישט אינטערעסאנט, צי בלויז יעצט אויף דער מינוט, אדער אז עס איז מער קיינמאל נישט אינטערעסאנט.

עס וועט אויך האבן די מעגליכקייט אריינצושרייבן די סיבה פארוואס מען זאגט אפ דעם שידוך.

## פארוואס זאל עמיצער וועלן אריינשרייבן אזא זאך?

אין רוב פעלער האט א מענטש א פריוואטע סיבה פארוואס ער וויל נישט א שידוך, וואס דאס וועט ער אוודאי נישט אריינשרייבן. אבער אין טייל פעלער איז די סיבה א טעכנישע, צי בנוגע דעם לבוש, צי די שטאט, אדער ענליכס. אין אזא פאל וועט מען עס קענען אריינשרייבן אז די שדכנים זאלן קענען זען וואס דער מענטש וויל, און וויסן פון יעצט און ווייטער אים

אנצוטראגן שידוכים אָן דעם אפהאלט; די רעזעמעי וועט פארגרעסערט ווערן, מיט מער דעטאלן. עס וועט געבן פאר די שדכנים א בעסערער און ברייטערער בליק וואס דער מענטש זוכט, און מען וועט אים לייכטער קענען העלפן אינעם עתיד.

אזוי אויך וועלן זיין די אלע אפציעס וואס מיר האבן פריער געשריבן, צו קענען האלטן פריוואט דעם פריוואטן שמועס וואס דער מענטש שרייבט צום שדכן.

## די סערוויס פאר שדכנים און דעם צוטריט צו דער מאסיווער דאטא-בעיס, וועט עפעס קאסטן פאר די שדכנים, אדער ס'וועט זיין אומזיסט?

מיר וועלן געבן פאר יעדן שדכן אומזיסטע צוטריט




פאר א שטיק צייט, וואס אין דער צייט וועט ער קענען זען אויב ער איז באקוועם מיט דער סיסטעם, אויב עס איז געמאכט פאר אים, און אז ער וועט הנאה האבן דערפון, ער וועט זען אז עס צאלט זיך אים אויס פינאנציעל און ער וועט וועלן ממשיך זיין זיך צו באניצן דערמיט, וועט מען דארפן איינצאלן א געוויסן חודש'ליכן מעמבערשיפ צו נהנה זיין פון דער סיסטעם.

## א שדכן ארבעט אויף א שידוך, ער לייגט אריין כוחות, ווי אזוי קען מען זיכער מאכן אז ער באקומט באצאלט?

שדכנים ווערט זייער אפט באַ'עוולה'ט, בפרט ווען עס קומט צו שווערע שידוכים, ווי ביי עלטערע בחורים, עלטערע מיידלעך, אדער ביי זיווג שני. ביי אט די פעלער מאכט זיך זייער אפט אז עלטערן זאגן צו פאר ווער עס וועט אויספירן א שידוך גאר א גרויסן סכום, אבער אזוי ווי ער האלט נישט אלעמאל מיט די שווערע ארבעט וואס דער שדכן לייגט אריין הינטער די קוליסן, וועט ער עס אסאך מאל אנקוקן אז עס איז אנגעקומען גאר לייכט פאר'ן שדכן אויסצופירן דעם שידוך, און ער וועט נישט וועלן געבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט פארשפראכן. ער וועט שפירן אז עס קומט זיך נישט.

אבער דאס איז עפעס וואס גייט זיין א הויפט דגוש ביי אונזער סיסטעם, אז די שדכנים זאלן וויסן פון בעפאר וויפיל זיי גייען ווערן באצאלט, און זיי וועלן קענען זיין רואיג אז זיי גייען טאקע באצאלט ווערן דעם גאנצן סכום.

מיר האבן אויסגעשטעלט אונזער סיסטעם, פאר די וואס ווילן דיסקוטירן מיט'ן שדכן איבער'ן געלט, דורך דריי אפציעס. די ערשטע אפציע, אריינצושרייבן וויפיל געלט מ'איז גרייט צו באצאלן פאר'ן שדכן וואס פירט אויס דעם שידוך; די צווייטע אפציע, אויסצופילן א פולקאם-לעגאלער דאקומענט ביים לויער'ס אפיס – דאס איז דער באקאנטער היימישער לויער פון בארא פארק הרה"ח ר' נחמן קאללער הי"ו, מיט וועמען מיר ארבעטן אינאיינעם – אז מען איז גרייט צו געבן כך וכך פאר ווער עס פירט אויס דעם שידוך; די דריטע אפציע וועט זיין א שטאפל ווייטער, דאס פאקטיש איינלייגן געלט אין א "טראסט אקאונט" ביי ר' נחמן קאלער'ס אפיס, וואס דאס געלט וועט גיין דורך ר' נחמנ'ס אפיס צו באצאלן פאר'ן שדכן.

אויף אונזער סיסטעם גייט זיין א ספעציעלער "אייקאון" וואו דער שדכן וועט קענען זען וועלכע אפציע דער מענטש האט אויסגעוועלט און וויפיל געלט

Place Your Ad Here
And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities
Email us at info@bashert4me.com

ער איז גרייט צו געבן. ווי פארשטענדליך וועט א שדכן ענדערש וועלן ארבעטן פאר די לעצטע צוויי אפציעס ווי פאר איינער וואס האט זיך בלויז אונטערגענומען א סכום, וואס דארט איז דער שדכן נישט פולקאם פארזיכערט אז ער גייט טאקע זען זיין געלט.

## איינמאל עלטערן לייגן אריין דאס געלט אין א טראסט אקאונט, פאר ווי לאנג בלייבט עס דארט?

מיר האבן אויסגעארבעט א הסכם וואס לויטעט אז איינמאל דער טאטע גייט איין אז א שדכן זאל ארבעטן אויף א שידוך און א שדכן הייבט פאקטיש אָן ארבעטן דערויף, קען ער מער נישט ארויסנעמען דאס געלט ווילאנג דער שדכן ארבעט דערויף. מיר האבן דאס געטון כדי צו פארמיידן אז עלטערן זאלן נישט קענען צאלן וויניגער ווי אפגעשמועסט, אדער טוישן שדכן.

אבער אין פאל א שדכן וועט נישט ארבעטן פאר דריי חדשים אויף א שידוך – ווי פריער גערעדט – אדער אין פאל עס גייט דורך זעקס חדשים זינט ער האט אנגענומען צו ארבעטן אויפן שידוך, אפילו ער האט יא געארבעט, אבער נאכנישט אויסגעפירט, דאן קען דאס געלט באפרייט ווערן צו די עלטערן.

## וואסערע נאך אפציעס און מעלות וועט עס האבן פאר עלטערן?

מיר גייען האבן אן אפציע אז עלטערן זאלן קענען איינצאלן א חודש'ליכן מעמבערשיפ און דורכדעם וועלן זיי קענען באקומען צוטריט צו זען פראפילס פון פארשידענע בחורים און מיידלעך, אז זיי זאלן קענען אליין אויפקומען מיט א געדאנק פאר זייער זון/טאכטער.

## פיין, מ'האט שוין געזען דעם פראפיל פון א בחור/מיידל, עס קוקט אים אויס היפש אינטערעסאנט, אבער ער ווייסט נאך גארנישט אויף זיכער, וואס טוט ער ווייטער?

מ'וועט קענען אריינגעבן א פארלאנג אז א שדכן זאל אריינקוקן דערין, און ווען א שדכן וועט עס אננעמען וועט ער ארבעטן דערויף.

אויב איינער וויל אז מען זאל זיך תיכף נעמען דערצו, וועט ער אויך האבן די אפציע אנצושטעלן אז עס זאל ארויסגיין צו אלע שדכנים, און צווישן אלע וועט זיך איינער נעמען דערצו.




צו עפענען א אומזיסטע "קאמפיין" שיקט אן אימעיל צו PERKS@BASHERT4ME.COM

## וואס טוט איינער וואס עס גייט דורך טאג-נאך-טאג און קיין איין שדכן קוקט נישט אָן זיין שידוך פאר סיי וועלכע סיבה?

אזויווי מיר האבן שוין געזאגט, גייען מיר האבן א מעמבערשיפ אפציע פאר עלטערן פאר א געוויסן סכום, און פאר א מעמבער וועלן מיר האבן א ספעציעלע גרופע מיט שדכנים, וועלכע וועלן אלעמאל זיין גרייט צו ארבעטן פאר א מעמבער און זיכער מאכן אז מ'טוט פאר יענעם דאס מאקסימום.

## איך בין א שרייבער, נישט א שדכן. אבער ווייסט דאך ווי אזוי עס גייט, מען קען א מענטש דא, א מענטש דארט, עס פאלט אמאל איין א געדאנק. איז דא פאר מיר אויך עפעס צו מחדש זיין אויף דער נייער סיסטעם?

יא, מיר וועלן האבן א ספעציעלע אפטיילונג פאר סתם מענטשן, נישט אפיציעלע שדכנים, ווענמען עס פאלט ביי א געדאנק, וואס מ'וועט עס קענען דארט פובליצירן. און אויב דער שידוך וועט אויסגעפירט ווערן, וועט דער יונגערמאן באקומען א געוויסן סכום דערפאר. מיר וועלן ארבעטן אינאיינעם מיט דעם יונגערמאן וואס האט אריינגעלייגט דעם געדאנק, און מיר וועלן זיכער מאכן אז ער באקומט באצאלט אויב דער שידוך ווערט אויסגעפירט.

די סיסטעם וועט אויך ערלויבן פאר דער וואס האט געברענגט דעם געדאנק מיטצוהאלטן דער סטאטוס פון דעם שידוך, וואו עס האלט, ביז די פרייליכע ענדע בע"ה.

## מיר האלטן אינאיין הערן חידושים, און מיר זענען שוין אויסגעלאפן פון בייפאלן און שאלות. איז אדרבה, לאמיר הערן, וועלכער נאך חידוש וועט די סיסטעם האבן?

עס זענען ליידער דא אסאך וואס מוטשענען זיך שטארק און האבן נישט קיין געלט צו חתונה מאכן די קינדער, און אין דעם איז אריינגערעכנט דאס צאלן שדכנות געלט, בפרט ביי שווערע פעלער ווען מען דארף צאלן פיל טייערער. אונזער סיסטעם וועט האבן די אפציע דורכצופירן א קאמפיין כדאי צו שאפן געלט צו צאלן פאר שדכנים.

מיר גייען צושטעלן אלעס וואס עס פעלט אויס פאר דעם קאמפיין, אריינגערעכנט א טעלעפאן נומער וואו צו רופן און מנדב זיין און אלעס ארום.

## ווי אזוי וועט ארבעטן אזא קאמפיין? מ'וועט זיך דארפן ארויסשטעלן ברחל בתך הקטנה, אז אני הקטן דארף געלט?

לאו דווקא. מען וועט קענען שרייבן א פאלשן נאמען, כדי אז ווער עס קען נישט דעם מצב און די משפחה זאל נישט געוואויר ווערן דורך דעם קאמפיין. אבער ווי פארשטענדליך וועלן די מענטשן וואס נעמען "טיעמס" וויסן פון וועמען מען רעדט, און זיי וועלן עס טון צו העלפן זייער חבר/משפחה מיטגליד.

מיר האבן אויך אויסגעארבעט א סיסטעם מיט ר' נחמן קאלער'ס אפיס וועלכער באגלייט אונזער גאנצער פראיעקט, און זיין אפיס גייט זיכער מאכן אז דאס געלט קומט טאקע אָן וואו עס דארף אנקומען, און אז עס גייט טאקע פאר דעם שידוך און נישט סתם אין דער וועלט אריין.

Place Your Ad Here
And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities
Email us at info@bashert4me.com

### יעדער וואס וויל וועט קענען האבן צוטריט צו דער סיסטעם? וואס טוט מען אויב איינער וועט סתם פאר אינטערעסאנקייט וועלן שפאצירן דארט?

אונזער אפיס וועט איבערגיין יעדן מענטש וואס שרייבט זיך איין, זיכער צו מאכן אז ער איז טאקע א שדכן און אז ער קומט ארויף צו ארבעטן, נישט סתם צו קענען זען וואס עס טוט זיך אויפן סיסטעם.

וואספארא נאך מעלות וועט עס האבן פאר שדכנים?

עס וועט האבן א פארגעשריטענע מעסעדזשינג סיסטעם וואו די שדכנים וועלן קענען אויסטוישן מעסעדזשעס און געדאנקען צווישן זיך.

### דער געדאנק הערט זיך פאנטאסטיש, אבער באמת גערעדט, איז עס נאר פאר עלטערע בחורים און מיידלעך, אדער פראבלעמאטישע פעלער, אדער אויך פאר געוועגליכע שידוכים?

אוודאי פאר עלטערע בחורים/מיידלעך און שווערע שידוכים וועט עס זיין ממש א ישועה און ברענגען בס״ד א רעוואלוציע, אבער איך בין זיכער אז עס וועט אויך זיין א שטארקע תועלות פאר סתם שידוכים.

### צו וועלכע קרייזן צילט די סיסטעם?

עס איז געאייגנט פאר גאנץ כלל ישראל. יעדע קהילה, יעדער קרייז, ווער עס קען הנאה האבן דערפון, וועט הנאה האבן.

אדרבה, אז עס וועט ארייננעמען מערערע קרייזן וועט עס געבן א ברייטערן אויסוואל פאר שידוכים.

### איז די סיסטעם פארזיכערט קעגן העקערייען, אדער בכלל אז מ'זאל נישט קענען ארויסשיקן אינפארמאציע איינער פאר'ן צווייטער?

מיר האבן געצאלט זייער אסאך געלט צו פארזיכערן די סיסטעם קעגן העקערס, און סיי ווער עס וועט וועלן זיין אויף דער סיסטעם וועט דארפן האבן א "פעסווארד" צו קענען צוקומען צו דער סיסטעם.

דאס זעלבע ארבעטן מיר זייער שווער צו פארזיכערן אז מ'זאל נישט קענען ארויסגעבן א פעסווארד פאר א צווייטן אז יענער זאל זיך סתם ארומשפילן און ארומקוקן. מיר וועלן קענען מיטהאלטן סיי ווען עס ווערט אריינגעלאגט פון א צווייטן קאמפיוטער, און סיי וועלן מיר קענען אויפכאפן אויב איינער דרייט זיך צופיל ביי די פראפילס און טוט נישט גארנישט, און מיר וועלן דאס אפשטעלן.

> **מיר האבן ארייננעלייגט גאר אסאך כוחות אויפצובויען דעם סיסטעם און אלע דעטאלן ארום דעם פראיעקט. ווי שטערקער דער ציבור וועט מיטשטיין און ארויסהעלפן, אלץ א שטערקערע סוקסעס וועט עס בעז״ה זיין.**

מיר גייען אויך האבן OTP (א סיסטעם וועלכע וועט אויטאמאטיש שיקן א מעסעדזש פאר'ן אייגנטימער פונעם אקאונט, אין פאל א פרעמדער לאַגט אריין אין זיין אקאונט).

אזוי אויך האבן מיר א פארגעשריטענע suspicious behavior tracking.

### אונטער וועלכן דעת תורה ווערט דער פראיעקט באגלייט?

דער פראיעקט ווערט באגלייט דורך הרה״ג רבי אשר מאנן שליט״א, דומ״ץ קיט״ל דסאטמאר-מוירטל מיט וועמען מיר רעדן זיך דורך אויף טריט און שריט.

### אויב איינער וויל הערן מער איבער דער נייער סיסטעם, וואו קען מען זיך פארבינדן?

מען קען רופן אויפן טעל. נומער:

223BASHERT (223-227-4378)

אדער דורך אימעיל:

info@bashert4me.com

### צום שלוס, א מעסעדזש פאר די ליינער?

מיר האבן ארייגעלייגט גאר אסאך כוחות אויפצובויען דעם סיסטעם און אלע דעטאלן ארום דעם פראיעקט. ווי שטערקער דער ציבור וועט מיטשטיין און ארויסהעלפן, אלץ א שטערקערע סוקסעס וועט עס בעז״ה זיין.

ס'איז גוט צו וויסן אז מיר האבן דא אינעם שמועס גערעדט פון אסאך דעטאלן און מעגליכקייטן וואס מיר האפן בע״ה צו האבן אויף אונזער סיסטעם, און ווי פארשטענדליך וועט נישט יעדער איינציגסטער דעטאל זיין גרייט דעם ערשטן טאג וואס די סיסטעם ווערט געעפנט פאר'ן ציבור. עס וועט מעגליך נעמען נאך א שטיק צייט ביז יעדער איינציגסטער דעטאל וועט זיין פארפולקאמט בשלימות.

דער אויבירשטער זאל העלפן אז חפץ ה' בידינו יצליח, און מ'זאל קענען ברענגען אסאך שידוכים פאר אידישע קינדער און לינדערן דעם שווערן שידוכים-קריזיס ביים היימישן ציבור.

Nuah Graphics / 347.916.NUAH (6824)

Place Your Ad Here
And be seen by thousands in shuls and all over
Throughout our communities
Email us at info@bashert4me.com